# רבֿ דוד

אַזוי רופֿן אים די קינדער צווישן זיך, און די ערשטע, וועמען ס'איז איינגעפֿאַלן אָנצורופֿן דעם פֿאָטער בײַם נאָמען, איז געווען רבֿקה, די טאָכטער.

אָט ווי אַזוי ס'איז פֿאָרגעקומען:

די צוויי זין רבֿ דודס, רבֿקהס צוויי ברידער, זענען געשטאַנען בײַ דער אַרבעט, געריבן מיט די הייסע פּרעסלעך די „ברוסטן" פֿון די העמ־דער, מאַכנדיק זיי האַרט און גלאַנציק און זי, רבֿקה, דעם טאַטנס טאָכטער און די ברידערס שוועסטער, איז געשטאַנען און פֿאַרשריבן אין בוך די קוויטיקע וועש, וואָס אייבער האָט דאָרטן געבראַכט צום וואַשן. אין דער צייט האָט זיך פֿון יענער זייט טראָטואַר אַנטקעגן די פֿענצטער דער פֿאָ־טער באַוויזן, האָט זי, רבֿקה, אַ זאָג געטון:

— רבֿ דוד גייט!

און דער יונגערמאַן, וואָס האָט די וועש זײַנע געבראַכט צום וואַשן און געוווּסט, אַז דאָס איז איר פֿאָטער, האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אַהער די וועש געבראַכט און דערזעען דעם פֿאָטער אירן, איז אים טאַקע נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז דאָס איז איר פֿאָטער, ער האָט געמיינט אַ פֿרעמדער ייִד, אַ בעל־דרשן, דרייט זיך בײַ זיי אין שטוב אַרום.

— וואָס עפּעס אַ בעל־דרשן? — האָט רבֿקה שמייכלענדיק געפֿרעגט.

— ווײַל נאָר אַ בעל־דרשן — האָט דער יונגערמאַן געענטפֿערט, —

קאָן זיך אַזוי פילן היימיש אין יעדן יידישן הויז און קאָן זיך דערלויבן צו האַלטן פרעמד און אָפּגעשיידט פון די הויז-מענטשן, וואָס האָבן אים אַלס אורח צו זיך אין הויז פאַרבעטן...

די צוויי האָרעפּאַשנע חברה, וואָס האָבן זיך באַגאָסן מיט שווייס בײַ דער אַרבעט האָבן אַפּלאָדירט דעם קונד זייערן, וואָס איז בײַ זיי כמעט ווי אַ היימישער מענטש געווען און איז זיי נאָך היימישער געוואָרן, וואָס ער האָט זיי אַזוי גוט צוגעטראָפן.

— איר האָט די ווערט אַ מעדאַל — האָט דער עלטערער געזאָגט.

— און איך? — האָט רבקה געפרעגט...

דאָ איז רב דוד אַרײַנגעקומען און דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן...

און פון דעמאָלט אָן איז עס אַזוי פאַרבליבן. דאָס וואָרט טאַטע ווערט צווישן די קינדער נישט דערמאָנט, נאָר „רב דוד", און ס'האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט „אָננעמען", ווי עס „נעמט זיך אָן" בײַ איינעם פּאָקן, וואָס איז מסוגל געווען זיך אָנצושטעקן מיט פּאָקן-קרענק... ווייל שוין יאָרן לאַנג, אַז די קינדער זענען מיטן פאָטער ברוגז, ווייל שוין יאָרן לאַנג, אַז דער פאָטער האַלט זיך אָפּגעריסן און פרעמד פון די קינדער און לעבט זיך זיינס „אַ פאַר זיך" לעבן...

די פרעמדקייט זיינע און אָפּגעריסנקייט פון זיין הויזגעזונט האָט זיך אָנגעהויבן פון יענער צייט אָן, וואָס די זין זיינע זענען געוואָרן באַלמעלאָכעס... ער האָט אַ לאַנגע צייט מלחמה געהאַלטן קעגן דעם, אָבער זיי האָבן אים נישט געהערט און זיי זענען געוואָרן דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זיי זאָלן ווערן, און דאָס ווייב זיינס האָט אויך געהאַלטן מיט די זין. זי ווי זיי האָט נישט געזעען פאַר זיי קיין אַנדערן תכלית. זי ווי זיי האָט איינגעזעען. אַז אַ מלאכה איז פיל פּראַקטישער, ווי אַלע לופט-פּרנסות...

אמת, קיין עבירה איז דאָס נישט, אָבער ס'איז אינגאַנצן קעגן זיין יידישן גייסט... אַ ייד באַדאַרף זיך גרינג פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט... דער „בזיעת אפך תאכל לחם" פּאַסט זיך בעסער צו גוייִם אָדער צו אַזעלכע יידן, וואָס זענען מיט זייער מהות קיין יידן נישט... אמת, זיי זענען טאַקע פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, אָבער המורים זענען זיי, ווייסן

גאַרנישט פון קיין יידישקייט, אַבי זיי לייענען צייטונגען און קוועלן אַריין, ווען זיי דערטאַפּן עפּעס אַן אויפטו, וואָס איינער האָט אויפגעטון און זיין עובדה איז געווען דאָס מבטל צו מאַכן מיט זיין קהלת־בליק פון „אין חדש תחת־השמש“... אַלס ריאה לדבר האָט ער זיי געבראַכט דאָס בית־המקדש און שלמה המלכס שטול, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַזוי פיל חכמה, אַז קיינער אַ חוץ שלמהן האָט זיך אויף איר, אויף דער שטול, נישט געקאָנט אַוועקזעצן... און האָט זיי דערביי דערציילט די לעגענדע פון תרגום שני און מגלית אסתר, ווי אַזוי שושק דער מלך פון מצרים, האָט געוואָלט זיך אַרויפזעצן אויף דער שטול און וואָס פאַר „אַ בענטש“ ער האָט געכאַפּט פון אַ גאָלדענעם לייב אין זייט אַריין...

— איר זענט דאָך חמורים! וואָס ווייסט איר וואָס? — האָט ער אַלע מאָל פאַרענדיקט דעם שמועס זיינעם.

די זין האָבן טאַקע אַ דאַנק דעם ביטול זיינעם, וואָס ער האָט זיי באַ יעדער געלעגנהייט מבטל געמאַכט, אָנגעהויבן טראָגן פאַרדראָס אויף אים, און וואָלטן זיי אַ ביסל מער געוווסט אין די היינטוועלטיקע זאַכן, וואָלטן זיי קאָנקורירט מיטן טאַטנס יידישקייט... אָבער זיי זענען בלויז געווען אָנגעשמעקט מיטן גייסט פון דער צייט און האָבן זיך געהאַלטן אין דער מעלה מיט דעם, וואָס זיי אַרבעטן באַ זיך און לאָזן זיך פון קיינעם נישט עקספּלאָאַטירן.

איז דאָס אַלץ אַמאָל געווען אָט די וכוחים, היינט רעדט מען שוין נישט, — אַ שטענדיקער אויף אייביק געשלאָסענער רוגז צווישן טאַטן מיט זין און דורך דער השפעה פון די זין איז שוין די מוטער און די שוועסטער ברוגז געוואָרן... אָבער רב דודן קימערט עס נישט... ס'איז געננוג אַ קוק צו געבן אויף זיין גאַנצער הנהגה, ווי ער צעקעמט זיך אַלע פרימאָרגן די באָרד און ווי אַזוי ער נעמט זיך דעם טלית און תפילין אונטערן אָרעם און גייט זיך בהדרגהדיק אַוועק אין בית-המדרש אַריין, און קוקנדיק אויף אים קאָן מען האָבן אַזאַ איינדרוק, אַז דער ייד האָט זיך דערטראַכט, אַז נישט נאָר דער שבת, וואָס גאָט האָט גערוט פון זיין אַרבעט באַדאַרף זיין באַ יידן הייליק. נאָר אויך די ששת ימי יצירה באַדאַרפן באַ אַ פרומען ייד וואָכעדיק נישט זיין, אַז ס'איז רעכט, ווע־מען גאָט העלפט. צו מאַכן פון יעדן טאָג פון וואָך אַ דבר שבקדושה...

די קינדער, אויף וויפֿיל זיי זענען שוין געוווינט צו אים, קוקן גאָך אַלץ אויף אים מיט שפּאַנענדע בליקן, שפּירן אים נאָך פֿון זיין אויפֿשטיין ביז זיין אַוועקגיין און פֿילן, אַז יעדן פֿרימאָרגן וואָלטן זיי געקאָנט זאָגן עפּעס נייעס וועגן אָט דער האַלטונג זיינער... אָט פּונקט אַזוי ווי באַ זיי שטעלט זיך יעדער פֿרימאָרגן אַוועק מיט וואָך און מיט אַרבעט, אַזוי שטעלט זיך באַ אים אַוועק יעדער פֿרימאָרגן מיט יום־טובדיקער זאָרגלאָזיקייט און מיט יום־טובדיק געשטימטער פֿרומקייט... שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה קומט ער מיטאָג עסן און בענטשט אַזוי פֿרום מיט אַזוי פֿיל ליב־געזאַנג צו גאָט, ווי דאָס עסן וואָלט אים גלייך פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן, און נאָכן עסן און נאָכן בענטשן, גייט ער זיך ווידער אַוועק און קומט אין אָוונט צו דער צווייטער „סעודה“, און נאָכן עסן דרייט ער זיך אַרום אַ שעה־אַנדערהאַלבן מיט זיך און פֿאַר זיך, ווי ער וואָלט צוליב דעם בלויז באַשאַפֿן געוואָרן, כדי צו באַווייזן, אַז מ׳קאָן האָבן אַ ווייב מיט קינדער און דאָך זיך לעבן אַליין — אַ רויק לעבן, אָן זאָרג, אָן דאגות פּרנסה... בקיצור: אַ ייד, וואָס הייסט רב דוד... ער אַליין איז זיינער און דער „רב דוד“ איז אינגאַנצן זייגער, מיט ווייב און קינדער, נישט ער קער זיך אָן און נישט דער נאָמען זיינער און נישט אומזיסט רופֿן אים די קינדער צווישן זיך:

— „רב דוד!“

ער האָט עפּעס אַ שטיקל פּרנסה, וואָס באַלאַנגט אינגאַנצן צו זיין יידישקייט... „די חברה“, ס׳מיינט ווייב און קינדער, שעמען זיך מיט זיין פּראָפֿעסיע. נו, איז דערפֿאַר ווייזט ער זיי קיינמאָל נישט קיין צורת מטבעה...

זיין „פּרנסה“? ער זאָגט קדיש נאָך טויטע און לערנט משניות נאָך פֿאַרשטאָרבענע. דערצו איז ער אַ גאַנצער בן־בית אויפֿן בית־עולם... ע־ ווייסט, וווּ עס רוען אפֿילו אַזעלכע, וואָס זענען געשטאָרבן נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן. און פֿאַלט אַמאָל אַראָפּ פֿון אַ ווייטער שטאָט אַ „קינד“ פֿון די לאַנג פֿאַרשטאָרבענע און פֿאַרגעסלעכע, איז ער דער איינציקער, וואָס קען אָנווייזן דאָס קבר פֿון לאַנג פֿאַרשטאָרבענעם (אָדער פֿאַרשטאָרבענער) צו וועמען „דאָס קינד“ איז געקומען אויף קבר־אבות, מאַכט אַ מלא און ער קריגט שוין זיין שכר דערפֿאַר...

עס טרעפֿט זייער אָפֿט, אַז ער קומט אַ היים „פֿאַרקנאַקט“, מיט

פלאַמעדיקע און גלאַנציקע אייגעלעך און זינגט זיך אונטער אונטער דער נאָז אַן אומעטיק ניגונדל, אַ מלאדיקס. נאָך פונווייטנס איז צו באַמערקן, ווי דער ייד גייט זיך אַזוי, דאָס קעפל און בערדל פאַרריסן און די הויזן, קיילעכדיקע ווי צוויי רערן, באַמבלען זיך הויך איבער די שיך עפעס גאָר אויף אַן אַנדערן אופן ווי אין אַלע געוויינלעכע טעג... ווען די טאָכטער זיינע דערזעט אים דורכן פענצטער, זאָגט זי שוין אָן די בשורה דער מוטער:

— דיין מאַן גייט!

הגם די מוטער איז דורכאויס אויסן צו באַווייזן פאַר די קינדער, אַז זי קער זיך מיט אים גאָרניש"ט אָן, אַז ער איז איר אַ פרעמדער פונקט ווי ער איז זיי... האָט אָבער די טאָכטער אַ חשד, אַז דאָס איז נאָר לפנים. זי, רבקה, איז זיכער, אַז די מוטער מאַכט אים אפילו וויזיטן באַנאַכט... ווען זי האָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט זי פאַרמסרט די מאַמען פאַר די ברידער...

וואָס אַנבאַלאַנגט אָט דעם פאַרדאַכט, האָט די אַלטע נאָך מיט יאָרן לאַנג צוריק משלח געווען דעם מאַן פון שלאָפצימער. די טאָכטער אָבער איז חושד די מאַמען, אַז די מאַמע האָט עס נישט געטון מיט איר גוטן ווילן, אַז דאָס איז געטון געוואָרן צוליב די קינדער... זי איז כמעט ווי זיכער רבקה, אַז דער גאַנצער ברוגז דער מוטערס אויפן פאָטער איז נאָר לפנים, כדי די קינדער צופרידן שטעלן... שוין אין דעם אַליין, ווי די מאַמע מאַכט געטריי דאָס געלעגער אויף די טישן אין וועשעריי, קאַן מען עס דערקענען... און אויב דאָס אַליין זאָגט נאָך גאָרנישט, געדענקט זי אַזאַ פאַל: זי האָט זיך איינמאָל באַנאַכט אויפגעכאַפט פון שלאָף און האָט די מוטער אין בעט נישט געטראָפן...

הייסט עס, אַז נאָר לפנים איז די מאַמע מיטן טאַטן צעשיידט און אויב ס'איז אַזוי, ברענגט דאָך די מאַמע קיין קרבן נישט... און וואָס אַנבאַלאַנגט די ברידער, וואָס האָבן נישט חתונה, וואָס דאָס מיינט שוין דירעקט אַ דאַנק איר, באַדאַרף זי דאָס אויך נישט נעמען אַזוי שטאַרק ערנסט... ווייל מענער קאָנען זיך אַזוי אויך באַגיין... זי פאַרשטייט זיי טאַקע נישט די מענער, נאָכוואָס זיי האָבן חתונה... הייסט עס, אַז זיי, די ברידער, איז אויך נישט אַזוי שלעכט... איז טאַקע איר ערגער פון אַלע... זי איז אַלעמאָל געווען אַ שטומער עדות פון זייער מאַנסבילי'ש פריי

לעבן... און ווען זי איז געגאַנגען עפענען די טיר, האָט זי מיט אַ מיסטעריעזן קוק באַטראַכט די לאַנג אויסגעצויגענע פיגור פונם פאָטער, וואָס איז געלעגן אויף די ווייס און ווייך־געבעטע טישן אין וועשעריי... און אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן האָט זיך בײַ איר צונויפגעבונדן די ברידערס קומען שפּעט אין דער נאַכט מיטן פאָטערס ליגן דאָ... עפּעס ווי ער מיט זײַן באַהאַלטענער און אין זיך פאַרהוילענער מאַנסבילישקייט וואָלט „זיך" אַנטפּלעקט דורך די זין און דורך זייער קומען שפּעט אין די נעכט. און ס'איז אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, וואָס פון נאַכט אויף נאַכט דרייען זיך אַלע דריי קינדער פאַרבײַ דעם טאַטן און קיינער פון זיי ווייסט נישט, צי שלאָפט ער, צי נישט... און אַלע דריי פילן אַזאַ שווערן אומעט פון דעם טאַטן, וואָס ליגט ווי אַ פרעמדער ייד אויף די געבעטע טישן.

זאָל דאָס אַלץ, וואָס איז ביז אַהער דערציילט געוואָרן, זײַן די אורזאַך פון רבקהס פאַרזיצן? אפשר אין אַ געוויסער מאָס, אָבער ווייט נישט אינגאַנצן... רבקה איז פאַרזעסן ווײַל... זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס... עס טרעפט זייער אָפט, אַ מיידל פאַרזיצט און קיינער ווייסט נישט און דאָס מיידל אַליין ווייסט אויך נישט פאַרוואָס זי איז פאַרזעסן... דאַכט זיך, אַ גאַנץ נישקשהדיק מיידל געווען און האָט זיך גאַנץ היפּשלעך אויפן קנאַפּעלע געדרייט און דאָך...

מיט רבקהן איז דאָס אַזוי פאָרגעקומען, אינטערעסאַנט, וואָס זאָגט דערצו רבקה אַליין?

זי, רבקה, זאָגט, אַז זי האָט זיי אין דער ערד, די יונגעלייט, אַז זי באַדאַרף זיי אויף אַ גוטער כפּרה. איז דאָס אמת?...

ס'איז אָבער זיכער אמת דאָס, וואָס זי זאָגט, אַז זי האָט זיך געהאַלטן צו פאַרריסן און וואָס „צו" טויג נישט...

דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אַ דאַנק דעם „צו" איז זי...

ניין, מ'ווייסט נאָך נישט. ס'האָבן חתונה עלטערע מיידלעך פון איר... ס'נאָר, זי אַליין זאָגט, אַז זי וועט שוין נישט חתונה האָבן און דאָס מיינט אייביצייטיק, אַז זי זאָגט, אַז זי איז פאַרזעסן...

— אַ גרויסע מציאָצע, נו... ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך נאָך איצט אויך געקאָנט צערײַבאַפּן די מציאה...

אַזוי טענהט זי אַריין צו אירע צוויי ברידער און צו דער מוטער... און די לעצטע איז פּולקאָם מסכּים מיט איר:

— דאָס איז מיר טאַקע די גרעסטע האַרץ-ווייטיק!

און נאָך מער פאַרדריסט דער אַלטער, וואָס די טאָכטער לייגט זיך צו אַ פּאָר יאָר... אַנדערש גערעדט — וואָס די טאָכטער לייגט זיך צו די פּאָר יאָר, וואָס די מוטער וויל בײַ איר אַראָפּנעמען... אַמפּערט מען זיך: די לאָזט נישט יענער, זי זאָל זיך „צולייגן" און יענע לאָזט נישט מ'זאָל בײַ איר אַראָפּנעמען און טענהט אַזוי איין אין איר, אין דער מוטער:

— מילא, מאַמע, אַז דו ווילסט פאַר אַנדערע פאַרלייקענען אַ פּאָר יאָר מיינע, פאַרשטיי איך נאָך; אָבער פאַר מיר אַליין?

און איינמאָל זיך צעהיצט אַזוי און געזאָגט:

— איך זאָג דיר, מאַמע, אַז ווען ס'וואָלט געקומען אַ חתן מיך אָנקוקן, וואָלט איך אים געזאָגט: יונגערמאַן, איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך בין אַלט אַזוי פיל און אַזוי פיל; ווילט איר, איז גוט און אויב איר ווילט נישט...

די מוטער האָט זיך דערשראָקן; האָט געגלייבט, אַז די טאָכטער קאָן טאַקע אַרויס מיט אַזאַ דיבור... און פאַרבראָכן מיט די הענט, האָט זי אויסגעשריגן בקול רם:

— ווי איז מיר! וואָס טוט זיך עס מיט איר, פּאָטער האַרציקער.

און ערשט דאָ איז רבקה אין איר ראָלע אַריין, ווייל געזעען, אַז ס'ווירקט, האָט זיך די אַמביציע בײַ איר צעשפּילט און געוואָלט ס'זאָל נאָך שטאַרקער ווירקן און זי האָט געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— ווען צו מיר וואָלט געקומען אַ שטייגער... נו, אפילו ראָטשילדס אַ זון, און ער וואָלט געפרעגט, וויפיל איך בין אַלט, וואָלט איך אים ראשית, קודם כּל געזאָגט די יאָרן מיינע, דערנאָך וואָלט איך אים געעפנט די טיר און וואָלט געזאָגט: פּאַניע ראָטשילד, איר קאָנט שוין גיין!... ווען איך וואָלט געוואָלט אלי ווערן פאַר אַ חתן, וואָלט איך שוין לאַנג געקאָנט געווען קריגן... און איך בין אייך קיין פערד נישט!

אָפּגעזאָגט דעם „פּזמון", האָט זי אָוועקגעשטעלט אַ האַנט אויף אַ זייט און האַרטנעקיג אָנגעשטעלט דאָס קעפּל, ווי זי וואָלט די גאַנצע וועלט

באַהערשט (טאַקע אַ דאַנק דעם, וואָס זי איז פון קיינעם נישט באַהערשט געוואָרן) און די ערימע מאַמע נעבעך האָט פאַרקוועטשט מיט די אויגן און פאַרקרומט דאָס פנים, פאַרטיק צום וויינען... דאָ אָבער האָט זיך אַריינגעמישט איינער פון די צוויי זין (דער יינגערער), וואָס זענען געשטאַנען באַ צוויי ווייס און ווייך געבעטע טישן און מיט הייסע פרעסלעך געריבן די „ברוסטן" פון ווייסע העמדער, מאַכנדיק זיי האַרט און גלאַנציק.

— שרעק זיך נישט — לאָז „ער" נאָר קומען, ראָטשילד, וועט זי בעסער ווערן... זי וועט שוין אַליין אַראָפּקוועטשן אַ פּאָר יערעלעך, אויב ס'וועט נאָר אין דעם זיין אַן עיקוב...

די צוויי ברידער וואָלטן שוין אויך געהאַט חתונה געהאַט, הגם זיי זענען יינגער פון דער שוועסטער, נאָר האַלטן זיך אָפּ, כדי נישט צו שטעלן די שוועסטער אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע... און טאַקע דערפאַר זענען זיי כסדר אָנגעדרודלט אויף איר (שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם וואָס זי ליגט אויף זייערע פּלייצעס). און זיי דאַנקען גאָט, אַז זיי קריגן אַ געלעגנהייט אָנצופאַלן אויף איר:

— דו מיינסט דאָך, אַז דו ביסט שטאַרק קלוג, האַ? — האָט זיך גלייך נאָכן יינגערן אָפּגערופן דער עלטערער — אויב דו מיינסט אַזוי, מיין איך אַנדערש. און ס'איז מסתמא אַזוי ווי איך מיין, נישט ווי דו מיינסט...

דאָס איז שוין גאָר מעשה־טאַטע גערעדט, איז וואָלט עס זי אַזוי נישט פאַרדראָסן, ווען ס'וואָלט קיין טאַטע נישט געווען... מוז מען אויסהערן פון אַ ברודער אַזעלכע דיבורים, וואָס ווערן גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווען מ'איז אָנגעוויזן אויפן חסד פון ברודער... הגם, אַז זי וויל אַ טראַכט טון, פאַרדינט זי זיך דאָס שטיקל ברויט באַ זיי: זי נעמט אָפּ די וועש, וואָס מ'ברענגט צום וואַשן, פאַרשרייבט אין בוך און פאַרצייכנט די נומערן אויף יעדן שטיקל וועש, ס'איז אַן אַרבעט און אַמאָל הינטער אַ שבת און הינטער אַ יום־טוב נעמט זי אַמאָל אַ פרעסל אין דער האַנט אַריין... דאָס עסן פאַרדינט זי זיך בלי ספק... דער גאַנצער גרימצאָרן זייערער מוז זיך נעמען דערפון, וואָס זיי וועט נאָך אויסקומען, ווי זיי דענקען, צו סילוקן פאַר איר אַ נדן... דאָ פילט זי זיי מיט, דאָ זענען

זיי פֿולקאָם געערעכט... אַז ס'איז דאָ אַ טאַטע, וואָס זאָרגט נישט פֿאַר איר, זענען דאָך די ברידער אוודאי פּטור...

---

ס'איז געווען אין איינעם אַ זומערדיקן פֿאַרנאַכט, ווען די ברידער האָבן שוין געהאַט אָוועקגעלייגט די אַרבעט און ביידע זענען שוין געשטאַנען אויסגעפּוצטע גרייט אַוועקצוגיין, ווי זיי טוען דאָס אַלעמאָל נאָך דער אַרבעט און רבקה איז געזעסן אין לאַמטערנדיקן גאַניקל מיט אירע פֿאַרנאַכטיקע שטימונגען פֿון האָפֿנונגסלאָזער בענקשאַפֿט און נאָכאַמאָל צוגעקוקט, ווי די זון פֿאַרגייט, מיטשלעפּנדיק מיט זיך נאָך אַ טאָג פֿון איר, רבקהס, אומזיניקן אַלט-מיידלשן לעבן.

אין גאַניק איז געווען אַזוי הייס, ווי עס קאָן זיין נאָר אין אַזאַ מקום, וואָס דריי האַלבע ווענט זענען פֿון גלאָז און אַ גאַנצע טאָג עטייט דאָרטן די זון פֿון אויפֿגאַנג ביז אונטערגאַנג. רבקה האָט קיין בעסערן פּלאַץ נישט געהאַט ווו צו פֿאַרברענגען אירע פֿרייע, איינזאַמע שעהן, איז זי געזעסן אין האָט פֿון איר אַרומגעגלאָזטער איינזאַמקייט אַרויסגעקוקט אינדרויסן, צו גאָט און צו מענטשן, און אַזוי ווי זי איז דאָס מאָל געזעסן, האָט זיך צווישן די מענטשן באַוויזן דער טאַטע אירער „רב דוד" און זיך אָפּגעטיילט מיט ייד און יידישקייט פֿון אַלע איבעריקע מענטשן, האָט ער זיך אַריינגעמאָסטן מיט אַן אויסדרוק פֿון עפּעס עמעצן שולדיק, וואָס ער האָט זיך אַ גאַנצן טאָג אין שטוב נישט געוויזן און האָט בגנבה אַרויסגעשלעפּט אַ באַרגע פֿון דער קעשענע פֿון זיין יידישער קאַפּאָטע, און שטיל, אָן אַ וואָרט, מיט שטילן אָבער גוטמוטיקן רוגז בגנבה אַריינגעשטופּט די באַרגע רבקהן אין דער האַנט אַריין און איז אַריין אין שטוב.

רבקה האָט אַ לענגערע צייט באַטראַכט אָט די מתּנה און נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט איר, און מאָמענטנווייז האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז גאָר פּלוצלינג אַריבערגעשפּרונגען אויף צוריק מיט צוואָנציק יאָר, ווען דער פֿאָטער פֿלעגט זי, די בת יחידה, זייער אָפֿט מזכּה זיין מיט אַזעלכע מתּנות... זי איז געזעסן ווי אַ פֿאַרשטעליטע און נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט דער באַרגע... אַז מ'קאָן נעמען און זי אויפֿעסן, איז איר נישט איינגעפֿאַלן... אַלנפֿאַלס איז דאָס געווען אַ שפּעטערדיקע

זאַך... און דערבײַ האָט עס פּאַרלױפּיק ניִשט געהאַלטן, און אַזאַ איינדרוק האָט זיך געשאַפן דערפאַר, ווײַל אַט די מתּנה איז איר איבערגעגעבן געוואָרן אויף אַזאַ אינטימען אופן און דערפאַר, איז איר איינגעפאַלן, מוז זי, איידער וואָס־ווער־ווען, זי באַווײַזן די ברידער... האָט זי דאָך אָבער, מהאי טעמא, געשעמט צו באַווײַזן...

זי האָט די באַרנע באַטראַכט פון אַלע זײַטן, זייער אַ שיינע באַרנע געווען, אַ טונקל־ברוינע און אַזאַ צייטיקע, אָבער פון נעמען זי עסן איז זי אַלץ ווייט געווען. אפשר האָט זי דערפון אָפּגעהאַלטן דאָס, וואָס די באַרנע איז געווען אויסגעוואַרעמט אין פאָטערס קעשענע? זי האָט געפילט אָט די וואַרעמקייט, נאָר צי דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָס האָט זי אָפּגעהאַלטן פון עסן די באַרנע, האָט זי אַליין ניִשט געוווּסט און האָט ניִשט געטראַכט וועגן דעם.

ווען זי איז אַזוי געזעסן און געטראַכט וועגן ווײַזן די ברידער דעם טאַטנס מתּנה, האָט זיך איין ברודער נאָכן צווייטן באַוויזן און זי האָט אינסטינקטיוו די האַנט מיט דער באַרנע אונטער דער בלוזע אַרונטערגעכאַפּט און האָט זיי נאָכגעקוקט אַ שטיק וועג, ווי זיי גייען זיך באַנאַנד, אָט די צוויי ברידער זכרים, וואָס פאַר דער גאַנצער וועלט פרויען קאָנען זיי זײַן זכרים, נאָר פאַר איר איינער ניִשט. און זי האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי זי וועט קיינמאָל ניִשט וויסן, ווו די ברידער פאַרברענגען זייערע פרייע אָוונט־שעהן און זיי וועגן איר ווייסן, אַז זי זיצט אָפּ אָט די צייט, זיצט אין איר אַלטמוידישער פאַרזעסנקייט, האָט זי אַ פאַרדראָס אַרומגעכאַפּט, אַ פאַרדראָס מיט בושה פאַרמישט... און ס'האָט זיך עפּעס אַזוי צו להכעיסדיק אַ טראַכט געטון וועגן סוף פון אָט דעם „זיצן"... און דערצו נאָך באַ זיי, באַ די ברידער. יאָ, ס'וואָלט שוין זיכער געמוזט קומען אַ סוף צו דעם!...

די נאַכט איז צוגעפאַלן און רבקה איז נאָך אַלץ געזעסן און זיך געהאַלטן מיט דער באַרנע. דער פאָטער האָט זיך דאָרט אין דער פינצטערער שטוב אַרומגעדרייט און אין דער זעלבער פינצטערניש האָט זיך די מוטער געטאַסקעט מיט בעטגעוואַנט פון שלאָפצימער און ס'האָט זיך געלאָזט הערן, ווי זי פּאַטשט דאָס געלעגער פאַרן פאָטערס וועגן, און זי, רבקה, האַלט זיך נאָך אַלץ מיט דער באַרנע און ווייסט נאָך אַלץ ניִשט וואָס צו טון מיט איר... זי ווייסט בלויז איין זאַך, אַז עסן אָט די

בּאַרנע ווערט זי שוין זיכער נישט. פֿאַרוואָס זי וועט זי נישט עסן?... פֿאַרוואָס האָט זי זי ביז אַהער נישט געגעסן? אָבער פֿאָרט וואָס טוט מען מיט איר? טון עפּעס. מוז מען אומבאַדינגט מיט איר. אָט טאַקע דערפֿאַר, ווייל דאָס איז אַ בּאַרנע צום עסן און זי קאָן זי נישט עסן... ניין. גלאַט זי נעמען אַרויסוואַרפֿן קאָן זי נישט... סיידן...

און דאָ איז איר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק אויסצוגראָבן אַ גריבעלע און מקבר זיין די בּאַרנע.

הינטער דער שטוב איז געווען אַ גערטל, וווּ ס׳זענען געוואַקסן אַ פּאָר הויקערדיקע ביימלעך. רבקה איז אַרויס מיט אַ שפּיציק מעסער אין דער האַנט און אויסגעגראָבן דאָרט אַ גריבל. האָט זי דאָרטן אין דעם גריבל די בּאַר באַגראָבן, פֿאַרשיט און מיטן פֿוס צוגעטרעטן.

אַריינגעקומען אין שטוב נאָך דער קבורה, האָט זי שוין געטראָפֿן ברענען אַ לעמפּל אין שטוב. דעם טאַטנס געלעגער איז שוין געווען פֿאַרטיק און דער טאַטע אַליין איז געשטאַנען מיט די ווייסע אַרבל און געריי־כערט אַ פּאַפּיראָס. איבער זיין קאָפּ האָט זיך געקנוילט אַ געדיכטער און מאַסיווער רויך, און אויף דער וואַנט הינטער אים האָט זיך אָפּגע־שלאָגן אַ לאַנגער שאָטן, און איבערן שאָטנס קאָפּ האָט זיך אויך גע־קנוילט אַזאַ רויך, ווי איבערן קאָפּ פֿון אָריגינאַל.

ווען זי איז אים פֿאַרבייגעגאַנגען פֿון הינטן, האָט ער געטון אַ דריי אויס צו איר דעם קאָפּ פֿול מיט אויפֿמערקזאַמקייט און געוואָרפֿן אויף איר אַ פֿאַרשנדן בליק... זי האָט האַסטיק אָפּגעצויגן און האָט זיך באַזעצט אינדרויסן פֿאַר דער טיר מיט אַ נעפּלדיק שווער געמיט. ווי זי וואָלט ערשט נישט לאַנג געקומען פֿון אַ לוויה פֿון אַ נאָענטן מענטש... און דאַכט זיך וואָס, וואָס האָט זי דאָ געטון? זי האָט באַגראָבן אַ בּאַרנע און דאָך איז לאַנג בּאַ איר פֿאַרבליבן אַזאַ שווערער איינדרוק נאָך אָט דער אָפּגעטוענער זאַך און געהאַט אַזאַ געפֿיל, ווי זי וואָלט דאָרטן, אין דעם גריבעלע, אַ לעבעדיקע זאַך באַגראָבן און עס האָט זיך געגלוסט וויינען...

ס׳איז שוין געווען פֿינצטער, דער הימל איז ערטערווייז געווען אויסגעשטערנט און ערטערווייז פֿאַרהויכט מיט שיטערע, דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך. ס׳איז געווען וואַרעם און ווינטלדיק. פֿון אַ בוים דאָ און אַ בוים דאָרטן, וואָס זענען אין דער לענג פֿון גאַס געשטאַנען, האָט זיך

געלאָזט הערן אַ שטילע און רויקע אומרויקייט צווישן צווייגן און בלעטער. די קראָמען זענען שוין געווען פאַרמאַכט, ס'האָבן ווי בעלמעס אַרויסגעקוקט די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרעס אויף די פענצטער און טירן, באַר אַנטקעגן האָבן מיט נאַכטיקן אומעט געגלאַנצט די גרויסע צוויי שויפענצטער פון אַפּטייק-מאַגאַזין און געבלייכט האָבן זיך פון דאָרטן די קאָסמעטישע אַרטיקלען, וואָס זענען אין די פענצטער געווען אָנגעלייגט.

זי איז געזעסן און צוגעקוקט, ווי ס'דרייען זיך און גייען פאַרביי הין און צוריק פאָרלעך, אייניקע זענען געגאַנגען אַזוי איינגעקלעפּט איינס אין דעם אַנדערן, אַז ס'האָט אויסגעזעען, ווי איין מענטש גייט, איין מענטש מיט פיר פיס און מיט צוויי קעפּ... אַ סברה, אַז זי איז קיינמאָל מיט קיינעם אַזוי נישט געגאַנגען? יאָ, געוויס... אָבער ווער דער איינער איז געווען און ווי אַזוי דער איינער האָט אויסגעזעען, דאָס געדענקט זי נישט... און ס'איז גאָר קיין ווונדער נישט, וואָס זי געדענקט „אים" נישט... ווייל דעמאָלט האָט עס בא איר קיין אָרט נישט פאַרנומען... ווער וואָלט עס זיך צו יענער צייט אָפּגעזאָגט מיט איר אַזוי צו גיין?... ס'איז בלויז אַ ווונדער, וואָס גראַד אָט דער איינער, מיט וועלכן זי איז געווען אינטימער ווי מיט אַלע איבעריקע באַקאַנטע יונגעלייט, וואָס דווקא דער איז אויסגערינען געוואָרן פון איר געדעכעניש... און נאָך אַ פראַגע פרעגט זיך בא איר: פאַרוואָס איז מיט דעם, ווי מיט אַלע איבעריקע יונגעלייט, גאָרנישט געוואָרן?... איז אויף דעם אויך דאָ אַ תּירוץ: ער האָט צו פיל פאַרלאַנגט פון איר, און אַז ס'איז אַזוי, באַווייזט דאָס אַליין, וואָס ער איז געווען מיט איר אינטימער, ווי אַלע איבעריקע... אויב ער האָט זיך דערלויבט און זי האָט אים דערלויבט צו גיין מיט איר אַזוי צונויפגעגאָסן, איז דאָס אַליין אַ באַווייז, אַז ער האָט נאָך עפּעס מער דערפון פון איר באַגערט, און אַזוי ווי זי איז נישט געווען פון „יענע". האָט זי אים אָפּגעשטויסן פון זיך (אַזוי שטעלט זי זיך פאָר) און האָט אים טאַקע איבער דער זעלבער אורזאַך אַרויסגעוואָרפן פון איר געדעכעניש און ער איז פאַרשווונדן פון איר האָריזאָנט...

יאָ, איז ווער איז אין דעם שולדיק? ביידע זענען שולדיק, אי „ער", אי זי... ער דערפאַר, וואָס ער האָט זיך צופיל דערלויבט און זי דערפאַר, וואָס זי האָט אים גאָרנישט דערלויבט... ס'איז איין זאַך נישט

גלאַטיק: ווו איז ער נעלם געוואָרן, דווקא אָט דער, מיט וועמען זי האָט זיך דערלויבט צו זיין נענטער, ווי מיט אַלע איבעריקע באַקאַנטע יונגעלייט...

דאָ איז איר אַרויסגעשפּרונגען אַ נאָמען בערל, און הגם זי האָט נאָך דאָס געשטאַלט פון אָט דעם נאָמען נישט געזעען, אָבער זי איז זיכער געווען, אַז דער, וועגן וועמען זי טראַכט דאָ די גאַנצע צייט, אַז זיין נאָמען איז געווען בערל... און אויב ס'איז נישט דער, טאָ ווער אַנדערש קאָן דאָס זיין? פונוואַנען איז דאָס פלוצלינג צו איר אין מוח אַזאַ נאָמען אַריינגעשפּרונגען?... און אויב ס'איז נישט דער, טאָ ווער דען קאָן דאָס זיין? פאַרוואָס געדענקט זי אַזאַ נאָמען? און פאַרוואָס געדענקט זי, אַז זי האָט אַזאַ נאָמען געדענקט און האָט אָן אים פאַרגעסן, און זיך דערמאַנט, אַז זי האָט דעם נאָמען פאַרגעסן און זיך דערמאַנט איינציייטיק, אַז זי געדענקט אָט דעם פאַרגעסענעם נאָמען... מיט וואָס האָט ער זיך אַזוי איינגעקריצט באַ איר אין געדעכעניש, אויב ער, דער באַזיצער פון דעם נאָמען, איז פאַר איר גאָרנישט געווען... און אויב „ער“ איז עפּעס יאָ געווען פאַר איר, איז דאָך ווידער אַ פראַגע, ווי קאָן מען דאָס אַזוי פאַרגעסן, אַז זי זאָל נישט האָבן די מינדסטע אַנונג ווי אַזוי אָט דער בערל האָט אויסגעזען?...

— זייער, זייער מאָדנע:

„בערל“

אַ נאָמען אָן אַ געשטאַלט... און וואָס מער דער נאָמען חזרט זיך איבער באַ איר אין מוח, אַלץ מער און מער אומעט רופט ער באַ איר אַרויס... עפּעס אַזוי ווי נאָך אַ געשטאָרבענעם יזען מ'דערמאַנט, אַזאַ אומעט רופט באַ איר אַרויס אָט דער באַקאַנטער נאָמען פון דער אומבאַקאַנטער פּערזאָן... איז אפשר מעגלעך אַז „יענער“ זאָל האָבן געשטאָרבן... געשטאָרבן פון בענקשאַפט נאָך איר, אָדער ער האָט זיך גאָר גענומען דאָס לעבן... צי האָט אָבער דער יעניקער געהייסן בערל, אָט דער, מיט וועמען זי איז געווען אינטימער, ווי מיט אַלע איבעריקע באַקאַנטע יונגעלייט... מעגלעך... ס'איז אָבער זיכער, אַז זיין נאָמען איז נישט געווען בערל... און זי איז שוין גאָר אינגאַנצן נישט זיכער, אַז זי האָט געהאַט אַזאַ באַקאַנטן... יאָ, אָבער טאָ וואָס איז דאָס פאַר אַ בערל

וואָס, ווּעמענס נאָמען זי געדענקט און ווּעמענס געשטאַלט זי קאָן זיך נישט דערמאָנען... ס'איז דאָך נישט קיין נאָמען גלאַט אין דער וועלט אריין... שוין דאָס אַליין, וואָס יעדעס מאָל, וואָס ער חזרט זיך איבער בײַ איר אין מוח, כאַפּט זי אַרום אַזאַ שווערער פֿײַנלעכער אומעט, איז שוין דאָס אַליין אַ סימן, אַז אַזאַ באַקאַנטן האָט זי יאָ געהאַט און אויב זי האָט געקאָנט אָן אים פֿאַרגעסן, איז דאָך נאַטירלעך, אַז זי זאָל פֿאַרגעסן דעם נאָמען זײַנעם, און אויב פֿאַרגעסן דעם נאָמען זײַנעם

טאָ פֿונוואַנען נעמט זיך צו איר אַזאַ זיכערקייט, אַז „ער" האָט נישט געהייסן בערל.

און איינצייטיק ווי זי האָט זיך אינדרויסן פֿאַר דער טיר פֿון גאַניקל געגריבלט אין אירע געדאַנקען, האָט זיך פֿון שטוב געלאָזט הערן אַ שטיל קרייזלדיקער אל מלא רחמים, וואָס דער פֿאָטער אירער האָט זיך דאָרטן פֿון ווילקייט געזונגען און דאָס האָט זי אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן געדאַנק, אַז דער „בערל" איז נישטאָ צווישן די לעבעדיקע און דער פֿאַרלאַנג אָנצוכאַפּן דאָס געשטאַלט פֿון אָט דעם, וואָס האָט אַמאָל געלעבט און לעבט שוין איצט נישט, איז נאָך געוואָרן בײַ איר לײַדנשאַפֿטלעך שטאַרקער... זי האָט זיך אײַנגעהערט אין דעם טרויעריקן מאָטיוו און ס'האָט זיך געלאָזט גלייבן, אַז נישט אומזיסט האָט זיך דער טאַטע אין דער צײַט צעלאָזט מיט דעם אל מלאדיקן געזאַנג... אמת, זי האָט זיך געשטויסן, אַז דער פֿאָטער האָט ערגעץ געמוזט כאַפּן אַן איבעריק ביסל, איז דאָס אָבער נישט קיין „נאָווינע" בײַ אים. פֿונדעסטוועגן איז נאָך נישט געווען דער פֿאַל, אַז ער זאָל אין דער צײַט פֿאַרן שלאָפֿן גיין זיך צעלאָזן מיט אַ מלא... יאָ... ס'איז שוין כמעט ווי זיכער... איר פֿעלט בלויז זיך צו דערמאָנען דאָס געשטאַלט...

זי האָט שטאַר געקוקט פֿאָרויס פֿאַר זיך, אָבער געזעען האָט זי גאָרנישט, זי איז אינגאַנצן געווען פֿאַרטיפֿט אין זיך און אין אירע פֿאַנטאַזיעס, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום עפּעס אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז געווען נישט ווינציקער פֿאַנטאַסטיש, ווי די פֿאַנטאַזיעס אַליין... און קוקנדיק אַזוי, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ערגעץ, אין דער שטילער, פֿינצטערער נאַכט, קלאַפּט אַ דופּק און אַרום דעם פֿלאַטערט זיך און פֿלעכט זיך אַזאַ ווײַט-אידיליש לעבן, וואָס איז אַזוי לײַכט ווי די לופֿט און שטיל ווי די שטילקייט אַליין. און ערגעץ-ווו און אומעטום פֿלאָנטערט

זיך אָן אַן אָרט און אָן אַ באָדן איינער אָן אַ געשטאַלט, אָן אַ פאָרם, עפּעס אַ גייסט פון איינעם, פון אַ געשטאָרבענעם, וואָס איז געשטאָרבן איבער איר און נאָכן טויט פלאַטערט ער אַרום אויף ווינטיקע פליגל פון בענקשאַפט און לעכצט נאָך איר, נאָך זיין געליבטער...

„בערל!“

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושיילן אין בלייכקייט פון אירע דערינערונגען אַ פּנים פון אַ... אַ יונג, גאָר אַ יונג פּנים, פאַרמאַכטע אויגן... יאָ, ס'איז שוין כמעט ווי אַ ווירקלעכקייט... אָט-אָט טאַפּט זי דאָס אָן... אָבער אַלץ — טויט. דער לעבעדיקער קומט נישט...

די געדאַנקען לויפן, שפּרינגען און טאַנצן איינער איבער דעם אַנדערן. שפּרינגען איבער אַ לאַנגער, לאַנגער פאַרגאַנגענהייט און פּלוצלינג שפּרייט זיך פאַר איר אויס אַ טייך און באַגלייך מיטן טייך די בריק... דאָס וואַסער שוואַרץ ווי טינט. טיף אינעווייניק שפּיגלען זיך אָפּ מיט אַ מאָדנעם געהיימען, שטילן אומעט די ביימער, וואָס האָבן פון די ברעגעס אַריבערגעוואָרפן זייערע צווייגן איבערן וואַסער און ס'איז אַזאַ אומעט דאָרטן, אַזאַ אומעט, ווי אַ צווייטע וועלט וואָלט פון אונטן אַרויף אַרויפגעקוקט. און פון די אונטערשטע טיפענישן האָט זיך באַוויזן אָט דאָס באַקאַנטע בערל-פּנים...

יאָ, זי איז שוין כמעט אַזוי ווי באַם וועג... זי דערנענטערט זיך אַלץ נענטער צו יענעם און צו יענער צייט... ס'איז זיכער, אַז ער איז מיט זיין טויט נישט געשטאָרבן, אַז ער האָט זיך דערטרונקען...

אָבער איין קלייניקייט (וואָס איז גאָר קיין קלייניקייט נישט געווען) האָט זי נישט געלאָזט איינגאַנצן זיך צונויפגיסן מיט איר גלויבן, אַז דער בערל האָט זיך איבער איר דערטרונקען. דאָס איז געווען דאָס, וואָס דער בערל, וועמען זי האָט פון וואַסער אַרויסגעזעען, האָט אויסגעזעען זייער, זייער יונג... יאָ, ס'איז זיכער, אַז יענער האָט זיך דערטרונקען, אָבער עפּעס צו אַ יונג פּנים, אָן אַ סימן פון באָרד און וואָנסעס...

רבקהן האָט אָנגעהויבן ציִען צו דער בריק... זי איז זיכער געווען, אַז דאָרט וואָלט זי גרינטלעך דערגאַנגען, ווער און וואָס דער דערטרונקענער איז געווען און ווען דאָס איז פאָרגעקומען... צי האָט זי געהאַט

אַמאָל אַ געליבטן, צי נישט; צי לעבט ער, צי ער איז געשטאָרבן; זיכער איז, אַז עפּעס איינער אַ בערל איז דאָך יאָ ווען עס איז דערטרונקען געוואָרן... און זי האָט אומבאַדינגט געוואָלט, אַז דאָס זאָל האָבן געווען נישט קיין אַנדערער, ווי אירס אַ געליבטער... יאָ, זאָל זיין אַ טויטער, אַ דערטרונקענער, אָבער אַלץ בעסער ווי קיינמאָל קיינעם נישט געהאַט.

און דאָרטן אין שטוב איז אַלץ געווען פינצטער, שטיל און וואָכעדיק... און שטיל האָט זיך פון דאָרטן געטראָגן דאָס אומעטיקע, אל מלא רחמימדיקע געזאַנג. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער נאָר־וואָס צו קבורה געבראַנגטע בערגע און ס'האָט זיך איר נישט געגלייבט, אַז זי אַליין האָט עס נאָר־וואָס געטון און נישט געקאָנט באַגרייפן, נאָך וואָס האָט זי עס געטון. ס'האָט זיך באַ איר אויסגעזען, ווי נישט קיין וואָרטאַפּטיקע זאַך, אָט די זאַך, וואָס זי האָט נאָר־וואָס אַליין מיט אירע אייגענע הענט אָפּגעטון... און פאַר וועמענס וועגן גייט עס אָט דער שטילער אָן ווערטערדיקער אל מלא רחמים: פאַר דער נאָר־וואָס צו קבורה געבראַנגטער באַרגע, צי פאַר דעם לאַנג דערטרונקענעם בערל?

— — — — — — — — —

דאָ גאָר פּלוצלינג איז אין איר זכּרון אַרויסגעשווומען אַ ייִנגעלע, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט־ניין, וואָס איז צוריק מיט אַ יאָר צוואַנציק דערטרונקען געוואָרן, באָדנדיק זיך שפּעט אינאָוונט איינער אַליין אין טייך און דאָס ייִנגעלע, האָט זי זיך דערמאַנט, האָט געהייסן בערעלע...

און ס'איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דער בערעלע איז דאָס געווען דער זיווג אירער... אַז זי וועט שוין קיין אַנדערן נישט האָבן...

און ס'האָט זי אַ צי געטון צו דער בריק, אַהינצו צום זיווג, און ערשט דאָרט, באַם טייך, איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זי קאָן פון דאָרט נישט אַוועקגיין, אַז זי האָט נישט צוליב וואָס און צו וועמען זיך אומצוקערן צוריק. און האַסטיק און שטורעמדיק זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין און באַם ערשטן שלונג וואַסער, וואָס זי האָט געגעבן אין זיך אַריין.

האָט זי זיך דערמאַנט אין דער באַגראָבענער באַרנע, ווי אַזוי עס וועט אַרויסוואַקסן פון דער באַרנע אַ גרויסער בוים. און איז עקשנותדיק גע־זונקען צום גרונט...

און פאַר דער גאַנצער צייט האָט זיך אין שטוב באַ זיך און באַ די קינדער אַרומגעדרייט רב דוד און זיך געברומט און געגרייזלט אָן ווערטער דאָס ניגונדל פון אל מלא רחמים...